זכרי' מאנן

# א שפאציר צווישן די

# כוללי חצות

**שטייענדיג אין א שטורעמישע תקופה אין אמעריקע כאפן מיר א שפאציר צו א וועלט וואו דאס אלעס עקזעסטירט נישט, א וועלט פון העכערקייט, דערהויבנקייט, התמדה, כאילו גארנישט אנדערש אויף דער וועלט עקזעסטירט נישט, נאר דער זיסער תורה...**

די וועלט געפינט זיך אין א גאר אינטערעסאנטע תקופה, מענטשן זענען צושטורעמט מיט די נייעס, איינער איז פארנומען די וואל פעלטשערייען, דער זאגט פאר בירגער קריג אין לאנד, א צווייטער איז גאר באזארגט צי מען וועט נאך בכלל קענען זיין אידן אין אמעריקע, עס קאכט זיך און עס רידערט זיך, אזש עס קען זיך צומאל דוכטן אז דער גאנצער וועלט איז טאקע פארכאפט אין דער קאכעריי.

דוקא אין אזא צייט האט מיר אנגעכאפט א חשק צו כאפן א בליק אין אינגאנצן א צווייטע ריכטונג, אין ריכטונג פון א ציבור אידן וועמען עס אינטערעסירט נישט גארנישט אין זייער גאנצע וועלט נאר די הייליגע תורה, אידן וואס עס זאל נאר זיין וואס עס זאל זיין, די וועלט זאל קאכן ווי א קעסל, אבער זייער אינטערעסירט נישט נאר זייער גמרא און שו"ע, איבריג צו זאגן אז דער רעדע איז פון די געטרייע חברי "כולל חצות".

"כולל חצות" די לעכטיגע ווינקלען איבער די גאנצע וועלט, סיי אין אמעריקע, סיי אין ארץ ישראל גייט אן מיט א שטארקייט נאכט נאך נאכט, און גארנישט קען זיי נישט אפשטעלן, נישט קיין מגיפה, נישט קיין נייעס, נישט קיין וואלן, גארנישט האט נישט די מעגליכקייט צו אפטיילן די אידן פון זייער בעסטע זאך אין דער וועלט: זיצן ביי די גמרא אין די נאכט שעות.

ווען מען גייט אריין אין די היכלי כולל חצות אין די יעצטיגע טעג, קען זיך דוכטן אז די גאנצע וועלט איז געשטארבן, גארנישט עקזעסטירט נישט, נאר די הייליגע תורה, און דער אמת איז אז עס איז ווירקליך אזוי, ביי די אידן עקזעסטירט נישט גארנישט נאר די תורה, און חצות, פון דעם ווייסן זיי, און פון דעם אטעמען זיי.



שטייענדיג אין אזא תקופה האבן מיר מחליט געווען צו אופהייבן א טעלעפאן צו עטליכע אידן וועלכע קענען זיך מיט "כולל חצות" טייל זענען א חלק פון דער הייליגער חבורה, און טייל קענען עס בלויז פון דער נאנט צוליב פארשידענע סיבות, מיטן ציל צו הערן פון זיי פון זייער קוק ווינקל, וואס עס איז כולל חצות, דער שטילער תורה אימפעריע וואס היט אונזערע שטעט אין די שטילע נאכט שעות, און עס מיטיילן מיט די חשובע ליינער, כדאי אז אויך אונז פשוטע אידן וועלכע זענען נישט זוכה צו זיצן ביי די גמרא אין די נאכט שעה'ן זאלן האבן א שטיקל השגה וואס עס קומט פאר אינטער אונזער ריקן נאכט נאך נאכט.

## הגה"צ אבד"ק ווילעדניק שליט"א

צום ערשט האבן מיר זיך פארבינדן מיט הגה"צ רבי חיים אבערלאנדער שליט"א אבד"ק ווילעדניק וואס כולל חצות סניף מאנסי איז איינקוואטירט בבית מדרשו אין מאנסי.

**שלום עליכם, אלץ דער בעל אכסניא פון כולל חצות, וואס קען דער רב זאגן איבער די יונגעלייט פון כולל חצות?**

איך קען זאגן אז עס איז א זכי' אז עס איז דא אזאנע אידן וואס זיצן און לערנען די גאנצע נאכט מיט התמדה און מיט א ברען, עס איז א זכי' פאר מיר, און פאר די גאנצע שטאט אז עס איז דא אזא כולל.

מען זעט נישט אין ערגעץ אזא זאך ווי אין כולל חצות, עס איז אפשר דא מענטשן וואס שטייען אויף, אבער אז יונגעלייט זאלן זיצן און לערנען מיט אזא התמדה, א גאנצע כולל אינאיינעם, דאס איז נישט דא אין ערגעץ.

דער אמת איז אז עס איז נישט מעגליך צו פארשטיין וואס מען זעט דא נאר ווען מען קומט אהער עס זען, עס זיצט א גאנצע כולל און לערנט בשעת ווען מיר און די גאנצע וועלט שלאפן.

**פארוואס האט דער רב מסכים געווען צו אריינעמען דעם כולל אין זיין ביהמ"ד?**

דערמאנסט מיר א ווערטל...

מיין טאטע האט געוואוינט אין וויליאמסבורג אויף לי עוו. קר. הופער, הארט נעבן קלויזנבורג'ע ביהמ"ד, און דער בנין וואו עס געפינט זיך 'טוב טוב' און דער שלמה ווייס בעקעריי האט אויך געהערט צו אים.

פלעגט ער אלעמאל זאגן אז ער קען ווען בעטן 200 דאלער רענט מער, ווייל קלויזנבורג איז אפען א גאנצע נאכט, און ווען קיינער קען נישט שלאפן, האט ער אלעמאל וואו צו גיין, דאס איז א סערוויס וואס אנדערע שטעלן נישט צו. ממילא וועגן דעם האב איך אריינגענומען דער כולל אז אויב איינער פון די געגענט קען נישט שלאפן זאל ער אלעמאל האבן וואו צו גיין.

דאס איז נאר א ווערטל, ערנסט גערעדט, עס איז מיר א זכי' און א כבוד אז דער חשובער כולל לערנט ביי מיר אין ביהמ"ד, דער גאנצער געגענט האלט עס פאר א זכי', און אסאך קומען מיטהאלטן דאס לערנען, און גאר אסאך קומען מיטדאווענען מיט די יונגעלייט ביי ותקין.

**וואסערע סארט יונגעלייט לערנען דארט אין כולל?**

ווי אזוי זאל איך זיי אנרופן? די גדולי ישרקל פון קומעדיגן דור! עס זענען אלעס איינס ביי איינס גאר געהויבענע און חשובע יונגעלייט, די גדולי ישראל פון קומעדיגן דור.

קענסט שרייבן אין מיין נאמען אז אויב איינער זיכט צו שטיצן א כולל, זאל ער שטיצן דעם כולל, ווייל דאס איז גאר א גרויסע זכי'.



איך זע די יונגעלייט, זיי זענען דארט יעדן טאג צייליך, זיי לערנען מיט התמדה, עס איז א געוואלדיגע זכי' צו האבן א חלק אין זייער תורה, זיי לערנען דורכאויס די גאנצע נאכט מיט התמדה אן קיין הפסק, ממש גדולי ישראל.

**א גרויסע שכוח פאר אייער צייט.**

## הרה"ג רבי דניאל גראס שליט"א, ראה"כ כולל חצות סניף בארא פארק

מיר האבן זיך פארבינדן מיט הרה"ג רבי דניאל גראס שליט"א וועלכע שטייט אין שפיץ פון דער בארא פארקער סניף פון כולל חצות דורכאויס די לעצטע 5 יאר זינט איר גרינדונג, מיט א בקשה אז ער זאל אונז אביסזל מיטיילן וואס ער לעבט מיט יעדע נאכט בהיכל הכולל וואס געפינט זיך אויף די ערשטע שטאק פון זיין הויז, אין ביהמ"ד נעימות החיים.

**ווי אזוי זענט איר אנגעקומען צו כולל חצות?**

עס איז געווען מיט עטליכע יאר צוריק ווען איך האב אנגעהויבן צו לערנען חק, און דארט האב איך געזען אין זוהר הקדוש די גרויסקייט און הייליגקייט פון לערנען תורה אין די ביינאכט שעה'ן, און איך האב באקומען א מורא'דיגע שאיפה אויך צו אויפשטיין יעדע נאכט, און לערנען תורה א גאנצע נאכט.

נאך א שטיק צייט האב איך טאקע אנגעהויבן צו אויפשטיין יעדע נאכט אליין, און געלערנט ביז אינדערפרי. דאן האב איך געהערט אז עס איז דא אין עטליכע שטעט אזא זאך ווי כולל חצות, האב איך דאן אנגערופן דער מסירות נפש'דיגער מייסד ומנהל הכולל הרב נחמי' האפפמאן שליט"א, און איך האב אים געבעטן צו עפענען אזא כולל אויך דא אין בארא פארק.

ר' נחמי' האט זיך אריינגעלייגט דערין, און נאך א שטיק צייט האט ער ב"ה מצליח געווען צו אוועקשטעלן דער כולל דא אין בארא פארק וועלכע גייט שוין אן זינט דאן מיט א שטארקייט פאר די לעצטע 4 יאר, די קול תורה הילכעט אפ יעדע נאכט מיט א געוואלדיגע חיות און פרישקייט.

**וואו געפינט זיך דער כולל?**

דער כולל געפינט זיך אין מיין הויז, העכער ביהמ"ד נעימת החיים אין בארא פארק.

**פון וויפיל יונגעלייט באשטייט דער בארא פארק'ע כולל?**

דער כולל דא אין בארא פארק באשטייט פון בערך 20 יונגעלייט וועלכע קומען בקביעות נאכט נאך נאכט, אבער עס מאכט זיך זייער אפט אז עס פאלן אריין דא אינעם כולל פרעמדע מענטשן וועלכע זעצן זיך אראפ צו מיטלערנען מיט די יונגעלייט, און צו הנאה האבן פון די געהויבענע אטמעספערע וועלכענע הערשט אין כולל.

די אידן וואס קומען דא אריין ווערן געוועונטליך ארויסגיין פון התפעלות פון דער מצב און אטמאספערע וואס הערשט ביי אונז אין כולל, און עס איז באמת א שאד עס צו פראבירן צו מסביר זיין, ווייל עס איז נישט עפעס וואס איינער וואס האט עס נישט מיטגעלעבט קען פארשטיין, עס איז עפעס וואס מען דארף מיטלעבן, מען דארף אריינקומען אין כולל, און אריינאטעמען די ליפט וואס הערשט דא צו פארשטיין אין וועלכע וועלט די יונגעלייט לעבן דא.

**וועלכע סארט לימודים לערנט מען אין כולל?**

אלע סארט לימודים, יעדער לערנט וואס ער וויל.

פארשטייט זיך אז א מערהייט פון דער עולם לערנט נגלה, מען לערנט גמרא רש"י, תוספות, און שולחן ערוך, אבער עס איז אויך דא עטליכע געהויבענע יונגעלייט וועלכע זענען עוסק אין נסתר.

איך מיין אז מען קען זאגן אז אין די עטליכע יאר וואס אונזער כולל שטייט שוין איז דא שוין דורכגעלערנט געווארן רוב מקצעות התורה.

**איז דא עפעס וואס כולל חצות טוט דורכאויס די לאנגע נאכט שטונדן חוץ לערנען?**

אוודאי, צום ערשט האט מען אינזינען די תומכים פון כולל חצות, יעדע יונגערמאן ווען ער ווערט אנגענומען אין כולל מוז ער אינטערשרייבן אז ער וועט ערליך אינזינען האבן די תומכים וועלכע שטיצן כולל חצות, און מען האט טעגליך אינזינען אלע נעמען וואס מען האט געגעבן פאר די יונגעלייט.

עס זענען דא עטליכע יונגעלייט וועלכע מאכן זיך יעדן טאג צייט חוץ דער סדר פון כולל צו זאגן תהילים פאר די נדבנים, וואס איבריג צו זאגן אז תהילים פון די חצות יונגעלייט האט א שטארקע כוח.

דערנאך דינט אונזער כולל פאר א בית הוראה דורכאויס די נאכט שטונדן, ווען אלעס אנדערש איז צוגעשפארט קען מען אלץ אריינקלינגען אין כולל חצות, און מען ענטפערט פאר יעדן את המעשין אשר יעשון, אסאך קומען אראפ פערזענליך פרעגן, אבער דער גרעסערע טייל קלינגט אריין דורך דער ספעציעלער טעלעפאן ליניע.

אזוי אויך מאכט זיך פון צייט צו צייט אז מען גייט אראפ לערנען ביי א איד אין שטוב, דאס מאכט זיך ווען א איד וואס מאכט א וואכנאכט איז מנדב געלט אז די חברי כולל חצות זאלן קומען לערנען דורכאויס די נאכט ביי אים אין שטוב.





די יונגעלייט אין כולל האבן נישט קיין שום שיכות מיט די דרויסענדיגע וועלט אין די שעות וואס מען איז אין כולל, מען איז ווי אין א העכערע וועלט, עס אינטערעסירט נישט גארנישט אין יענע לויטערע שעות אויסער די גמרא.

**וועלכע סארט יונגעלייט לערנען אין כולל?**

דא לערנען יונגעלייט פון יעדן סארט און פון יעדן עלטער, מיר האבן דא יונגעלייט וועלכע זענען, מגידי שיעור, כולל יונגעלייט, און אויך אידן וואס ארבעטן איבערן טאג, יעדע איד וואס וויל אויפשטיין ביי חצות טרעפט זיך דאס ארט צווישן די ווענט פון אונזער כולל.

אזוי אויך מאכט זיך פון צייט צו צייט אז מען גייט אראפ לערנען ביי א איד אין שטוב, דאס מאכט זיך ווען א איד וואס מאכט א וואכנאכט איז מנדב געלט אז די חברי כולל חצות זאלן קומען לערנען דורכאויס די נאכט ביי אים אין שטוב

**אויב מען מעג פרעגן מער א זייטיגע פראגע, נאך אזויפיל יאר אויפשטיין ביי חצות, איז עס נאך שווער?**

אוודאי איז עס שווער. עס איז אפשר גרינגער ווי אין אנהייב, אבער אוודאי איז אלעמאל באקוועמער צו בלייבן שלאפן, בפרט ווען די גאנצע וועלט שלאפט אין די שעות.

אבער ב"ה מען שטארקט זיך און מען האט די כוחות צו אויפשטיין, און גיין לערנען.

ווי איך הער צוריק פון די יונגעלייט איז זייער אויפשטיין אסאך צו פארדאנקען פאר די חשובע נשים צדקניות וועלכע טיען אלעס וואס זיי קענען צו פארגרינגערן פאר זייערע מענער צו אויפשטיין, און זיי זענען זיי מחזק צו אנגיין מיט זייער געהויבענער דרך. עס איז זיכער אז די חשובע נשים צדקניות האבן א געוואלדיגע זכי' און חלק אין די תורה פון זייערע מענער

**מיט וואס איז דער מנהל ומייסד כולל חצות הרב נחמי' האפפמאן שליט"א פארמישט אין דער בארא פארק'ע כולל?**

ר' נחמי' לייגט אריין אימערמידליכע כוחות אז די כולל זאל אנגיין מיט א שטארקייט אן קיין אפשטעל, און אז עס זאל גארנישט פעלן פון די יונגעלייט, אז זיי זאלן האבן די נויטיגע הרחבת הדעת צו קענען לערנען.

חוץ וואס ער מאכט זיכער צו באצאלן צייטליך, אז די יונגעלייט זאלן נישט דארפן ווארטן אויף זייער געלט, קלינגט ער מיר אן יעדע עטליכע טעג און ער פרעגט מר וואס מען קען טון צו מחזק זיין דעם כולל, צו מחזק זיין די יונגעלייט, צי מען זאל מאכן א מלוה מלכה פאר די יונגעלייט, צי א מסיבת חיזוק פאר די עזרת נשים, זיין קאפ איז אים אלעמאל ווי אזוי מען קען העלפן דער כולל, און די יונגעלייט.

**א גרויסער שכוח פאר אייער צייט, הצלחה רבה.**

## הרה"ג ר' ירוחם ווייכברויט שליט"א מראשי ישיבת תלפיות

אין מאנסי האבן מיר זיך פארבינדן מיט הרה"ג רבי ירוחם ווייכברויט שליט"א ראש ישיבת תלפיות וועלכע איז א שכן צום ווילעדניקער ביהמ"ד אין מאנסי וואו דער סניף פון כולל חצות אין מאנסי, און אלץ שכן טוב האט ער די מעגליכקייט צו אביסל מיטהאלטן וואס עס שפילט זיך אפ צווישן די ווענט פון ביהמ"ד ווילעדניק אין מאנסי דורכאויס די נאכט שעה'ן.

**שלום עליכם ר' ירוחם, וואס איז אייער שיכות מיט כולל חצות?**

עליכם שלום.

מיין שייכות מיט כולל חצות איז אלץ שכן מיטן כולל וועלכע לערנט אין ביהמ"ד ווילעדניק הארט נעבן מיין הויז, און איך קום דארט אהין יעדע פארטאגס וואו איך לערן אביסל פארן דאווענען אינאיינעם מיט די חברי הכולל, דערנאך דאווען איך מיט זיי אינאיינעם ביי ותיקין.

דער אמת איז אז יעדע איינוואוינער פון דער געגענט האט א שיכות מיט כולל חצות, זיי האבן ממש אויפגעלעבט די גאנצע געגענט, עס זענען דא אידן פון די גאנצע שטאט וואס קומען אהער דאווענען מיט זיי, און עס איז א ווארעמע דאווענען מיט דער גאנצער געשמאק.

מיינע בחורים זענען איבערגעכאפט געווארן פון דער כוח התורה, און א דאנק כולל חצות שטייען זיי שוין אויף עטליכע יאר ליל שישי זייער פרי פארטאגס, און זיצן און לערנען אינאיינעם מיט די רבני הכולל ביז עס ווערט לעכטיג.

ליל שישי שובבי"ם איז דער גאס אויף ממש ווי אינמיטן טאג, עס קומען אהער בחורים און יונגעלייט פון די גאנצע שטאט וואס זיכן א ביהמ"ד וואו עס איז דא א קול תורה די גאנצע נאכט.

זיי האבן ממש איבערגעמאכט די גאנצע געגענט, זיי האבן אריינגעברענגט א געפיל פאר תורה אין די גאנצע אטמעספערע, עס מאכט זיך אמאל איך בין אויף שפעט, איך קוק ארויס פון פענסטער, איך זע די לעכטיגקייט וואס קומט ארויס פון ביהמ"ד ווילעדניק און פארשפרייט זיך אויף דער גאנצער גאס, א לעכטיגקייט פון תורה.

## "קיינעם אין כולל אינטערעסירט נישט ווער עס האט געוווינען די וואלן"

רעדענדיג מיטן מסירות נפש'דיגער מנהל הכולל הרה"ג רבי נחמי' האפפמאן שליט"א דערציילט ער אונז א אננטערעסאנטע מעשה, וואס דאס קען געבן א שטיקל בליק פאר די חשובע ליינער פון וועלכע סארט יונגעלייט כולל חצות באשטייט:

עס איז דא א יונגערמאן וואס איז אריינגעקומען ארבעטן ביי אונז, און ער האט מיר דערציילט וואס ער האט געהערט פון זיין ראש הכולל וועלכע האט דערציילט ביי א דרשה אין כולל א מעשה וואס זיין בני בית האט געהערט פון די ווייב פון א כולל חצות יונגערמאן, און דער ראש הכולל האט אויסגעניצט דעם עפיזאד צו מוסר זאגן פאר די יונגעלייט, אז זיי זאלן וויסן וואס עס מיינט ליגן און לערנען.

עס איז געווען אין די נאכט פון די שטורעמישע וואלן אין 2016 צווישן פרעזידענט טראמפ און פרוי' קלינטאן, ווען דאס גאנצע וועלט האט געשטורעמט מיט דעם היציגן פארמעסט.

אין יענע נאכט איז דער יונגערמאן געגאנגען שלאפן 8 אזייגער ווי געוועונטליך, ער איז אויפגעשטאנען 1 אזייגער צו גיין אין כולל, האט ער געזען אז זיין ב"ב איז נאך אויף צו מיטהאלטן די רעזולטאטן, דאן האט מען נאכנישט געוויסט ווער עס איז דער געווינער.

ווען דער יונגערמאן איז אהיימגעקומען פון כולל אום 8 אזייגער צופרי, פרעגט אים זיין בני בית וואס ער זאגט צו די דערמאטישע אויסגאנג, דער יונגערמאן האט נישט געהאט קיין אהנונג פון וואס זי רעדט, זי פרעגט אים אין כולל האט קיינער נישט גערעדט דערפון, און ער ענטפערט איר אז ניין...

דער מעשה פאדערט נישט קיין ווארט מער, עס רעדט פאר זיך אליין, דאס זענען די חצות יונגעלייט.



**זענט איר שוין אמאל דארט געווען אויף אינמיטן די נאכט?**

שוין עטליכע מאל, ווען עס מאכט זיך אז איך בין אויף אין יענע שעות וועל איך אלעמאל אריינגיין כאפן א בליק אויף דער הייליגער ליפט וואס עס הערשט דארט אינעם כולל.

זינט דער כולל האט זיך געפענט און קווארטירט אין ווילעדניק האב איך שוין חתונה געמאכט עטליכע קינדער, און נאך די חתונה, גאר פרי פארטאגס, בין איך אריין מיט מיינע בחורים און יונגלעך אין ווילעדניק זיי צו צייגן ווי אזוי די יונגעלייט זיצן און לערנען שעות על גבי שעות בשעת ווען דאס גאנצע וועלט שלאפט.

**וועלכע סארט יונגעלייט לערנען אין כולל חצות?**

אזוי ווי איך דריי מיר דארט יעדע צופרי שוין א שיינע פאר אינאיינעם מיט זיי קען איך דיר זאגן אז די רעדע איז פון גאר חשובע יונגעלייט, ממש די סמעטענע וואס כלל ישראל פארמאגט, אלע זענען תלמידי חכמים, עס איז דארט דא איינער וואס שטייט אין שפיץ פון איינס פון די גרעסטע היימישע כשרות ארגאניזאציעס, און ער קען זיך זייער גוט אויס אין כשרות, עס זענען דא אנדערע וואס קענען אנדערע סוגיות, יעדער עפעס אנדערש, אבער אלע זענען גרויסע תלמידי חכמים, און גאר געהויבענע יונגעלייט.

כולל חצות
והגית בו יומם ולילה
KOLLEL CHATZOS

**זיי האבן ממש איבערגעמאכט די גאנצע געגענט, זיי האבן אריינגעברענגט א געפיל פאר תורה אין די גאנצע אטמעספערע, עס מאכט זיך אמאל איך בין אויף שפעט, איך קוק ארויס פון פענסטער, איך זע די לעכטיגקייט וואס קומט ארויס פון ביהמ"ד ווילעדניק און פארשפרייט זיך אויף דער גאנצער גאס, א לעכטיגקייט פון תורה**

איך ווייס נישט וואס זיי טיען איבערן טאג, אבער ווען איך זע זענען זיי אלע געהויבענע בני תורה און בני עלי'. דאס ווייס איך יא אז די אלע יונגעלייט זענען אזעלכע וועלכע זענען פארנומען איבערן טאג, נישט אזאנע וואס שלאפן בייטאג און זענען אויף ביינאכט...

איך קען עטליכע יונגעלייט וואס שטייען אויף די פיס די גאנצע נאכט, און אזוי לערנען זיי ביז אינדערפרי.

חוץ מזה דארף מען אנמערקן אז אין דער ביהמ"ד הערט מען א קול תורה די גאנצע נאכט, עס ווערט קיינמאל נישט שטיל אדער פארשלאפן, נאר יעדער לערנט מיט א קול און א געשמאק.

**האלט איר אמאל מיט ווי אזוי די יונגעלייט האבן אינזינען די נדבנים פון כולל חצות?**

איך בין דאך נישט איינגעשריבן אין כולל חצות, ממילא איך באקום נישט די נעמען, אבער איך זע ווי אזוי די יונגעלייט קוקן אריין אין ספעציעלע צעטלעך וואס יעדער פון זיי באקומט, און זיי זאגן פון דארט נעמען, איך זע אויך אז ווען איך קום נאנט וועלן זיי עס אלעמאל באדעקן, ממילא שטעל איך מיר פאר אז דאס זענען די ליסטע פון די תומכים און די הזכרות וועמען זיי האבן אינזינען יעדן טאג.

**ווי מיר פארשטייען האט איר א גאר נאנטע קשר מיטן מנהל הכולל הרב נחמי' האפפמאן שליט"א,**

**ווי אזוי איז געשאפן געווארן דער קשר?**

איך האב מיר באקענט מיט אים דא אין כולל, ער קומט דא אריבער פון צייט צו צייט, און מען האט מיר צוגעוויזן אז ער איז דער מנהל ומייסד וואס שטייט אינטער דער גאנצער פראיעקט פון כוללל חצות, און ער שטייט אין שפיץ פון די חצות כוללים איבער די גאנצע וועלט.

איך בין צוגעגאנגען צו אים, און מיר פארגעשטעלט פאר אים, און אים געגעבן א גריס פון זיין כולל, און איך האב מיר דאן אריינגעלאזט אין א שמועס מיט אים.

דורכאויס די שמועס בין איך זייער איבערגענומען געווארן פון אים, איך האב געזען אז ער איז זייער א קליגע און פארשטנדליכע מענטש, און אויך א מענטש מיט א שטארקע געפיל און פארשטאנד צו אנדערע.

נאך עטליכע מאל רעדן צו אים, און זען זיינע טאלאנטן האב איך אים פארבעטן צו קומען ארבעטן אין מיין ישיבה "תלפיות" דא אין מאנסי, ווייל איך האב געזען אין אים די פאסיגסטע מענטש וואס מיר האבן געדארפט האבן, און ב"ה ער ארבעט שוין עטליכע יאר ביי אונז אין די ישיבה און ער איז גאר שטארק מצליח, און די בחורים האבן מיט אים א גאר נאנטע קשר, און פארשטייען זיך מיט אים זייער גוט.

דורך זיין ארבעט אין ישיבה און מיין נאנטע קשר מיט אים האב איך א אויבן אן זיך צצו קענען מיטהאלטן די געוואלדיגע ארבעט וואס ער לייגט אריין אין די כוללים, ווען ער ארבעט מיט מסירות נפש ממש צו שאפן די געלט, אז די הייליגע כוללים זאלן קענען אנגיין אומגעשטערט.

א גרויסן שכוח פאר אייער צייט.

## הרב יושע אייכנשטיין שליט"א, מנהל כולל חצות בארא פארק

מיר האבן זיך פארבינדן מיט דער חשובער סגן ראש הכולל פון כולל חצות אין בארא פארק וועלכע שטייט אין שפיץ פון אלע טעכנישע איינגעלעגנהייטן אינערהאלב דער כולל.

**שלום עליכם, וואס איז אייער פאזיציע אינערהאלב דער כולל?**

עליכם שלום. מיין טיטל איז סגן מנהל, סגן ראש הכולל, מען קען עס רופן ווי אזוי מען וויל.

איך גיב מיר אפ מיט די טעכנישע חלקים פון דער כולל, זיכער מאכן אז די יונגעלייט האבן אלעס וואס זיי דארפן, אז יעדער קומט צייטליך, אז מען זעט אמאל א יונגערמאן הינקעט אביסל אינטער אים צו מחזק זיין, אנעמען נייע יונגעלייט אנהייב זמן. אלע טעכנישע זאכן.

אבער גלייב מיר, איך האב נישט קיין סאך ארבעט, ב"ה אלעס ווערט מסודר און אהערגעשטעלט על צד היותר טוב דורך די הנהלה פון כולל חצות, אזוי אז איך האב כמעט נישט קיין ארבעט וואס צו טון.

**זענט איר שוין אויף דער פאזיציע זינט איר זענט אריינגעקומען אינעם כולל?**

ניין, איך בין אריין אין כולל אלץ א געהעריגע כולל יונגערמאן – איך בין נאך אלץ א פשוט'ע יונגערמאן, איך מיין צו זאגן אן די אויפגאבעס – אבער ווען עס איז געקומען די ערשטע יאר זומער און די הנהלת הכולל האט געזען אז מ'דארף נאך הילף אנצוגיין מיט די עבודת הקודש האט מיר דאן ר' נחמי' געבעטן אז איך זאל נעמען די טעכנישע חלקים אויף מיר, און איך האב עס גענומען, און עס איז שוין אזוי געבליבן ביז היינט.

**פארוואס זענט איר מתחלה אריין אינעם כולל?**

איך בין א זידיטשוב'ער אייניקל, און ביי אונז



איז געווען איינער פון די שטערקסטע זאכן דאס אויפשטיין ביי חצות, דער הייליגער רבי אייזיקל זידיטשובער האט געזאגט פאר זיין פטירה אז ער 54 יאר נישט פארפאסט צו אויפשטיין ביי חצות, דאס זעלבע טרעפט מען אין זוהר גאר גרויסע ענינים אויף אויפשטיין ביי חצות, און איך האב אלץ געהאט חשק צו אויפשטיין ביי חצות.

אבער עס איז מיר געווען זייער שווער, איך פלעג פראבירן צו אויפשטיין ביי מיר אינדערהיים, איך פלעג אבער שנעל איינשלאפן, און זיך נישט געקענט געהעריג קאנצעטרירן, איך האב אלץ געטראכט אז עס דארף זיין אזא כולל.

**ווי אזוי האט מען עס גענומען לידי מעשה?**

איך בין א נאנטע חבר מיט ר' דניאל גראס שליט"א און מיר האבן אינאיינעם גערעדט אז מען דארף ווען זען אז די כולל חצות וואס עס איז דא אין אנדערע שטעט זאל אויך עפענען אין בארא פארק, מיר האבן אסאך גערעדט צו ר' נחמי' דערוועגן, ביז עס איז ב"ה געקומען לידי מעשה.

**פארוואס האט איר געדארפט א כולל, קען מען נישט אליין ארגאנאזירן?**

עס ארבעט נישט אן א כולל, א כולל איז וויכטיג פשוט מען זאל האבן די שיעבוד צו אויפצושטיין, צו קומען, צו לערנען. עס ארבעט נישט אן א כולל ווייל די מציאות איז אז אויפשטיין חצות אליין גייט עס כמעט נישט, ס'דארף זיין בחבורה מיט א שיעבוד און מיט א חברותא אז עס זאל אנהאלטן. אזוי ארום אז דער כולל, די מסגרת, די כסדר'דיגע התחזקות פאר די בני כולל און פאר די נשי הכולל, אלעס צוזאמען העלפט שטופן דעם וואגן.

איך זאג אלעמאל פאר די יונגעלייט, קיינער טוט עס נישט פאר די געלט, יעדער טוט עס ווייל מען וויל אויפשטיין, מען דארף אבער האבן דער כולל זאל געבן דער שטופ.

ב"ה דער כולל איז ממש א גן עדן, מען זיצט נאכט נאך נאכט מיט דער קלארע מוח און מען לערנט, עס איז ממש א גן עדן אויף דער וועלט.

בפרט ווען מען זיצט אינאיינעם מיט אזא געהויבענע חבורה פון וואס כולל חצות באשטייט.